שפּיטאָל? נאָר וואָס רייד איך? אין די שפּיטאָלען איז דאָך אַזוי וואַרים און גראַם, און היינט די פעלדשערינס וואָס דרעהען זיך דאָרט אימער אַרום, זיינען דאָך אַזוי פיעל אין צאָהל! און אַ חוץ דעם אימער און אימער אויף. און איך! נור איך אונגליקליכער! האָב נאָך איינע ניט געזעהען, ניט געפיהלט אפילו איהרע ווייבליכע בליקען אויף מיין קראַנקען געזיכט און זאָגאַר קיין שאָרך פון אַ מענשען, די גאַנצע צייט וואָס איך בין אויף, ניט געהערט.

מיט אַמאָל האָב איך זיך ווי פאַר עפּעס אויסערגעוועהנליכעם דערשראָקען און אָנגעהויבען שרייען מאַמע! מאַמע! — הויך אויף אַ קול, צו מיין טיעפען, טיעפען שמערץ, האָב איך אָבער נאָר דעם וואַרימען צוריקפאַל פון מיין אייגענער שטימע דערפיהלט, אַ גאָט! וואו בין איך?! וואו בין איך?! — האָב איך זיך פּלוצלונג ווי ערוואַכענדיג פון שלאָף, מיט שמערץ געפרעגט, און אויסגעבראָכען אין אַ ביטער שמערצליך יאָמער־געוויין, אַ וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? דאָס ווייסע אין וועלכען כ׳בין איינגעהילט? אַ! האָב איך פערצווייפעלט אויסגערופען, — וואו נעהמט מען כח דאָס אַריבערצוטראָגען, דאָס איז דאָך טויטען־געוואַנד אין וועלכען איך בין איינגעהילט! אַ יעצט ווייס איך! יעצט ווייס איך, דעם סוד פון אייער טייפלישער אַרבייט, איהר שקלאַפען פון לעבען! אַ אַה! דאָס האָט איהר מיך פון לעבען אין קבר פעריאָגט! אַ גאָט! איך ליעג דאָך אין אַ קאַלטען פינסטערען קבר. האָב איך ווידער מיט פערצווייפלונג אויסגעשריען און אויפסניי אין אַ יאָמערליך שמערצליך געוויין אויסגעבראָכען, נור געוואַלד! געוואַלד! האָב איך ווי פון היץ מיט פערדרוס נערוועז אויסגערופען — געוואַלד טראַכטען, איך מוז אַנשטרענגען אַלע מיינע קרעפטען און אַרויס! אַרויס פון דיעזען פינסטערען גרוב, אום מיט מיין עקזיסטענץ זיי צו בעווייזען; די פאַלשע פאָרשטעהר פון לעבען, — אויף וויפיעל פאַלש, נידערטרעכטיג, און בעטריגעריש זיי זיינען אַלע ווי איין.

אַ גאָט! אַ גאָט! האָב איך וויינענדיג אויסגערופען, גיט דען נאָך מעהר שוידערליכעס, מעהר נידערטרעכטיגעס אויף דער וועלט, ווי אַ לעבעדיגען וועזען לעבעדיגערהייט אין קבר צו בעגראָבען?! ווער ווייסט? ווער ווייסט וויפיעל יונגע לעבעדיגע מענשען בלומען, די פינסטערע טייוואָלים פון „לעבען", האָבען אין גאַנג פון לעבען אין פינסטערען קבר פעריאָגט?! נור געוואַלד! געוואַלד טראַכטען און פלוכען. צו דער אַרבייט... צו דער אַרבייט..!

נאָך פיעל אַנשטרענגונג איז מיר ענדליך געלונגען פון אָרט זיך אַביסעל צו ריהרען און נאָכדעם ווי כ׳האָב זיך דערפיהלט אַ ביסעל פרייער אין מיינע טוידטען־קליידער האָב איך מיט שווערער מיה מיינע קניה אַ ביסעל דערהויבען און וועהרענד מיין קערפּערליכער אַנשטרענגונג דער דאָזיגער, האָב איך איבער זיך דערפיהלט עפּעס אַ שווערקייט פון אַ ברעט. און הרידקאַלעך פייכטע ערד האָבען ווי די שנייעלעך פון הרויסען פון קבר מיך בעשאָטען, כ׳האָב מאָמענטאַל זיך אַביסעלע פון באָדען דערהויבען און מיט דער פור־